עִקַּר הָרוּחַ-חַיִּים מְקַבְּלִין מֵהַצַּדִּיק (תורה ח)

קונטרס

# רוחא דחיי

שיחות ומאמרים
ע"פ משנתו של
רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע

מאת
הרה"ח ר' חיים בנימין ורטהיימר ז"ל

קונטרס ט'

"זה דודי וזה רעי"

# תוכן השיחה


׳ישיבות׳ פון אמונה

דער ערשטער סעיף אין שו״ע..

זי זאגט – איך וויס!

התבודדות – השגת אלוקות

א גאנצן טאג ׳התבודדות׳

איך רעד גאר צום אויבערשטן!

דער ׳שלום עליכם׳ פולמוס

גיין צום אויבערשטן!

זיך איינקויפן דער ״מפטיר יונה״..

ווי בויעט מען א קשר?

מען באקומט ׳שמחת חיים׳

גייט אריין אין ׳רבינ׳ס ישיבה׳!



הערות והארות ניתן לפנות לטל׳ 0534159773



© כל הזכויות שמורות



כדי לקחת זכות והשתתפות בהוצאת הקונטרסים ניתן לפנות

בירושלים 05331.93747  בבי״ש 05341.52325

לתרומה ממוחשבת בכרטיס אשראי בטל׳  037630585  שלוחה 6491 >1

ניתן להאזין לשיעור בטל׳ 0723323796 4>7 >9

גרפיקה ועימוד: י. גרוס 0527644765



חלק מהוצאות הקונטרס נתנדב
לזכות
החתן שלמה צבי בן שיינדל רחל
והכלה פיגא בת אסתר אדל
בזכות זה יזכו לבנות בית נאמן
בישראל ויתברכו בכל מילי
דמיטב

הדפסת הקונטרס נתנדב
ע״י ר׳ מנחם שילר שליט״א
לרגל הולדת בנו למז״ט
ובזכות מצוות זיכו הרבים
יזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכיוצ״ח

חלק מהוצאות הקונטרס נתנדב
ע״י ר׳ פנחס שולם רוטנברג שליט״א
לרגל אירוסי בנו
ובזכות מצוות זיכו הרבים
יזכו לבנות בית נאמן
בישראל ויתברכו בכל מילי דמיטב

# זה דודי וזה רֵעִי

## הא״ב של עצת ההתבודדות והישיבה של האמונה הק׳

[שיחה שנמסרה בחבורת הבחורים – ג׳ נח תשפ״א]

## ׳ישיבות׳ פון אמונה

[א] דער אמת׳ן אז מיר לערנען אלע אין **״רבינ׳ס ישיבה״**. לערנען - לערנען מיר אין רבינ׳ס ישיבה! דער רבי האט ישיבות דא, דארטן - ער האט אסאך פלעצער.. אבער לערנען באמת אין רבינ׳ס ישיבה איז תלוי צו מ׳לערנט ביים רבי׳ן. אויב מ׳לערנט ביים רבי׳ן איז מען ביים רבינ׳ס ישיבה, אז מ׳לערנט נישט ביים רבי׳ן איז מען נישט ביים רבינ׳ס ישיבה..

דער רבי האט **״א ישיבה פון אמונה[ב]״**. היינט איז זייער מבוזה צו לערנען אין א ישיבה פון אמונה - בעלי תשובה׳ס, מענטשן וואס זיי ווייסן פון

**א. הקדמה**: השיחה הזאת נאמרה בחבורה שהתקיימה בבין הסדרים והנוכחים שם שוחחו באיזה ישיבות הם לומדים ומה היחס שם לענינו של רביה״ק ולבחורי אנ״ש וכו׳, ומתוך כך התגלגל השיחה בענין הישיבה של רביה״ק.

**ב.** ראה בליקו״מ תנינא תורה ה׳ אות ט״ו: וְזֶה בְּחִינַת רַבִּי עִם תַּלְמִידִים וכו׳ כִּי עַל יְדֵי קִבּוּץ הַתַּלְמִידִים אֵצֶל הָרַב עַל יְדֵי זֶה נִתְקַבֵּץ וְנִתְלַקֵּט חֶלְקֵי הָאֱמוּנָה **וְעַל כֵּן נִקְרָא לִמּוּד הָרַב עִם הַתַּלְמִידִים יְשִׁיבָה עַל שֵׁם קִבּוּץ חֶלְקֵי הָאֱמוּנָה** וכו׳. וראה בליקו״ה נזיקין ה׳, כ: וְכָל אֵלּוּ הַתִּקּוּנִים {המבוארים בתורה ה׳} אִי אֶפְשָׁר לִזְכּוֹת בָּהֶם כִּי אִם עַל יְדֵי **לִמּוּד הַקָּדוֹשׁ שֶׁל הַיְשִׁיבָה הַקְּדוֹשָׁה שֶׁעוֹסֵק שָׁם הָרַבִּי הָאֱמֶת עִם הַתַּלְמִידִים לְהַמְשִׁיךְ אֱמוּנָה** הַקְּדוֹשָׁה עַל יְדֵי לִמּוּדָם,

גארנישט נעבאן, זיי דארפן קומען לערנען אמונה.. - אבער אונז דארפן לערנען אמונה? אין א ישיבה פון אמונה?!

אבער רבי נתן ברענגט[ג] אז ס'שטייט א פסוק אין נביא: **"עֹד אוֹשִׁיבְךָ בָאֳהָלִים כִּימֵי מוֹעֵד"** - זאגט דארטן רש"י: **"אעמיד מתוכך תלמידים עוסקים בתורה, כימי מועד הראשון שהיה יעקב איש תם יושב אוהלים"** - איך וועל אייך צוריקברענגען צו די ישיבות פון שם ועבר, פון יעקב אבינו וואס איז געזעצן ביי שם ועבר, א 'יושב אהלים' איז ער געווען. נישט סתם א יושב אהלים, זאגט רבי נתן[ד]: וואס האט מען געלערנט ביי שם ועבר -

---

[וְכָל זֶה מְרֻמָּז בְּהַתּוֹרָה הַנַּ"ל שֶׁכָּתַב שָׁם וְזֶה בְּחִינַת רַבִּי עִם תַּלְמִידִים שֶׁנִּקְרָא יְשִׁיבָה, עַיֵּן שָׁם הֵיטֵב.] וּמִי שֶׁרוֹצֶה לָחוּס עַל חַיָּיו צָרִיךְ לֵילֵךְ עַל יָדָיו וְעַל רַגְלָיו לְבַקֵּשׁ יְשִׁיבָה אֲמִתִּית כָּזֹאת שֶׁיּוּכַל לִזְכּוֹת עַל יָדָהּ לֶאֱמוּנָה שְׁלֵמָה וּלְקִיּוּם הַתּוֹרָה לְבַל יֹאבַד בְּתוֹךְ הַתְּהוֹמוֹת תַּחְתִּיּוֹת שֶׁנָּפַל לְשָׁם כַּאֲשֶׁר הוּא יוֹדֵעַ בְּנַפְשׁוֹ. ושם באות י"א: וְעַל כֵּן בֶּאֱמֶת צְרִיכִין לָזֶה לִמּוּד גָּדוֹל לְהִתְאַבֵּק בַּעֲפַר רַגְלֵי הַתְּמִימִים וְהַכְּשֵׁרִים בְּלִבּוֹתָם וּלְהִשְׁתַּדֵּל כָּל יָמָיו לִהְיוֹת נִכְלָל בִּבְחִינַת **הַיְשִׁיבָה שֶׁל הַצַּדִּיק הָאֱמֶת** שֶׁעוֹסֵק בַּלִּמּוּד הָאֲמִתִּי שֶׁל "קִיּוּם הַתּוֹרָה" שֶׁזֶּה הָעִקָּר לְהַכְנִיס אֱמוּנָה בָּעוֹלָם וכו' כִּי יֵשׁ בָּזֶה הֲלָכוֹת רַבּוֹת וַעֲמֻקּוֹת. ושם באות ל"ז שהרבי האמת הוא בחי' **ה"ראש ישיבה"** של הישיבה של האמונה. [לֵךְ נא ראה שם בהל' נזיקין ה' את דברי מוהרנ"ת באריכות מופלאה על ענינה של הישיבה הקדושה הזאת ומהות לימודי האמונה שלומדים בה ותמצא נחת.]

**ג.** ראה בליקו"ה בשר בחלב ה, כה: וְעַל-כֵּן כָּל הַמְקֹרָבִין לְצַדִּיקֵי אֱמֶת נִקְרָאִים **יוֹשְׁבֵי אֹהֶל** בִּבְחִינַת וְיַעֲקֹב אִישׁ תָּם יֹשֵׁב אֹהָלִים, וְדָרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, אָהֳלוֹ שֶׁל שֵׁם וְעֵבֶר שֶׁהָיוּ אָז הַצַּדִּיקֵי אֱמֶת. וְהַכָּתוּב מְבַשֵּׂר; שֶׁלֶּעָתִיד יֵשְׁבוּ כָּל יִשְׂרָאֵל בְּאָהֳלֵי הַצַּדִּיקֵי אֱמֶת וְיִתְקָרְבוּ אֲלֵיהֶם, כְּמוֹ שֶׁנֶּאֱמַר **"עֹד אוֹשִׁיבְךָ בָאֳהָלִים כִּימֵי מוֹעֵד"**, כְּמוֹ שֶׁפֵּרֵשׁ רַשִׁ"י שָׁם, כִּימֵי מוֹעֵד הָרִאשׁוֹן, שֶׁהָיָה יַעֲקֹב אִישׁ תָּם יוֹשֵׁב אֹהָלִים. ובהל' הפקר ונכסי הגר ד, לב: כִּי לֶעָתִיד יִהְיוּ **יְשִׁיבוֹת שְׁלֵמוֹת קְדוֹשׁוֹת שֶׁיִּלְמְדוּ בָּהֶם הַלִּמּוּד שֶׁל אֱמוּנָה הַקְּדוֹשָׁה** בִּבְחִינַת (הוֹשֵׁעַ יב, י) עֹד אוֹשִׁיבְךָ בָאֳהָלִים כִּימֵי מוֹעֵד. וּכְמוֹ שֶׁפֵּרֵשׁ רַשִׁ"י שָׁם, כִּימֵי מוֹעֵד הָרִאשׁוֹן שֶׁהָיָה יַעֲקֹב אִישׁ תָּם יוֹשֵׁב אֹהָלִים.

**ד.** ראה בהל' נזיקין ה, יא: ..**כִּי מִימוֹת אֲבוֹתֵינוּ לֹא פָסְקָה יְשִׁיבָה מֵהֶם**, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה. וְזֶה בְּחִינַת וְיַעֲקֹב אִישׁ תָּם יֹשֵׁב אֹהָלִים שֶׁהָיָה יוֹשֵׁב אֹהָלִים בְּתוֹךְ הַיְשִׁיבוֹת הַקְּדוֹשׁוֹת שֶׁל שֵׁם וָעֵבֶר לִלְמֹד שָׁם דַּרְכֵי הַתְּמִימוּת בֶּאֱמֶת לִהְיוֹת אִישׁ תָּם. ובהל' הפקר ונכסי הגר ד, לב: וְכָל הַיְשִׁיבָה שֶׁל יַעֲקֹב אָבִינוּ שֶׁלָּמַד בִּישִׁיבָה עִם בָּנָיו וְתַלְמִידָיו, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה הַכֹּל הָיָה בְּהַלִּמּוּד שֶׁל הָאֱמוּנָה הַקְּדוֹשָׁה. כִּי הַמִּצְוֹת עֲדַיִן לֹא נִתְּנוּ **וְעִקַּר לִמּוּדָם הָיָה בְּעִנְיַן הָאֱמוּנָה הַקְּדוֹשָׁה** לְבַטֵּל הָעֲבוֹדָה זָרָה וְהַכְּפִירוֹת וּלְהַמְשִׁיךְ וְלִטַּע וְלִקְבֹּעַ בְּלֵב כָּל אֶחָד וְאֶחָד

ס'איז נאכנישט געווען די תורה וואס מיר לערנען היינט; מ'האט געלערנט אמונה!

די אבות הקדושים האבן געלערנט אמונה. ס'איז געווען ישיבות, אברהם אבינו איז געווען זקן ויושב בישיבה, יצחק, יעקב - אלע אבות זענען געווען זקנים ויושבים בישיבה[ה]. וואס האט מען געלערנט? - מ'האט געלערנט אמונה!

אברהם אבינו האט געהאט אויף **"מסכת עבודה זרה"** זעקס הונדערט פרקים![ו] מיר האבן היינט אפאר פרקים, פינעף פרקים; נישט קיין גרויסע מסכתא. אבער ביי אברהם אבינו'ס צייטן, איז די מסכתא עבודה זרה געווען א גרויסע מסכתא!

---

הָאֱמוּנָה הַקְּדוֹשָׁה בִּשְׁלֵמוּת וּכְמוֹ שֶׁמְּבֹאָר בְּשִׂיחוֹתָיו הַקְּדוֹשׁוֹת (חיי"מ שצ"ה) שֶׁזֶּה הָיָה כָּל עִסְקֵי הָאָבוֹת בְּלִמּוּדָם עִם הַגֵּרִים, עַיֵּן שָׁם.

**ה.** ראה רמב"ם הלכות ע"ז (א, ג): וּבֶן אַרְבָּעִים שָׁנָה {עי' בראב"ד} הִכִּיר אַבְרָהָם אֶת בּוֹרְאוֹ וכו' וְהִתְחִיל לַעֲמֹד וְלִקְרֹא בְּקוֹל גָּדוֹל לְכָל הָעוֹלָם וּלְהוֹדִיעָם שֶׁיֵּשׁ שָׁם אֱלוֹהַּ אֶחָד לְכָל הָעוֹלָם וכו' וְהָיָה מְהַלֵּךְ וְקוֹרֵא וּמְקַבֵּץ הָעָם וכו' וְכֵיוָן שֶׁהָיוּ הָעָם מִתְקַבְּצִין אֵלָיו וְשׁוֹאֲלִין לוֹ עַל דְּבָרָיו הָיָה מוֹדִיעַ לְכָל אֶחָד וְאֶחָד כְּפִי דַּעְתּוֹ וכו' **וְשָׁתַל בְּלִבָּם הָעִקָּר הַגָּדוֹל הַזֶּה וְחִבֵּר בּוֹ סְפָרִים** וְהוֹדִיעוֹ לְיִצְחָק בְּנוֹ. וְיָשַׁב יִצְחָק מְלַמֵּד וּמַזְהִיר. וְיִצְחָק הוֹדִיעַ לְיַעֲקֹב וּמִנָּהוּ לְלַמֵּד וְיָשַׁב מְלַמֵּד וּמַחֲזִיק כָּל הַנִּלְוִים אֵלָיו. וְיַעֲקֹב אָבִינוּ לִמֵּד בָּנָיו כֻּלָּם וְהִבְדִּיל לֵוִי **וּמִנָּהוּ רֹאשׁ וְהוֹשִׁיבוֹ בִּישִׁיבָה** לְלַמֵּד דֶּרֶךְ הַשֵּׁם וְלִשְׁמֹר מִצְוַת אַבְרָהָם. וראה חיי"מ שצ"ה: וְהָיָה **אַבְרָהָם אָבִינוּ** עוֹסֵק בָּזֶה הַרְבֵּה לְגַלּוֹת הָאֱמוּנָה הַקְּדוֹשָׁה בָּעוֹלָם. וְהָיָה מְחַבֵּר סְפָרִים הַרְבֵּה מְאֹד עַל זֶה, אֲלָפִים סְפָרִים וכו' וְאַחַר־כָּךְ הָיָה **יִצְחָק** גַּם־כֵּן הוֹלֵךְ בְּדֶרֶךְ זֶה, וְהָיָה מְגַיֵּר גַּם־כֵּן גֵּרִים הַרְבֵּה וְחִבֵּר גַּם־כֵּן סְפָרִים הַרְבֵּה מְאֹד בְּעִנְיַן חִזּוּק הָאֱמוּנָה הַקְּדוֹשָׁה וכו' וְכֵן **יַעֲקֹב** הָיָה גַּם־כֵּן עוֹסֵק בָּזֶה לְקָרֵב בְּנֵי הַנְּעוּרִים לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְחִבֵּר כַּמָּה אֲלָפִים סְפָרִים בְּעִנְיַן הָאֱמוּנָה כִּי הוּא חִבֵּר סְפָרִים הַרְבֵּה מְאֹד בְּעִנְיַן הָאֱמוּנָה הַקְּדוֹשָׁה, גִּזְמָאוֹת סְפָרִים. וְהוּא לִמַּד עִם כָּל בָּנָיו דַּרְכֵי הָאֱמוּנָה הַקְּדוֹשָׁה וכו'. [וראה עוד בליקו"ה ר"ח ו, מה. ובתורה ל"ב תנינא]

**ו.** ראה בהל' הפקר ונכסי הגר ד, לב: וְעַל כֵּן **מַסֶּכֶת עֲבוֹדָה זָרָה דְּאַבְרָהָם אָבִינוּ** הָיָה אַרְבַּע מֵאוֹת חֲמִשִּׁים וָשֵׁשׁ פְּרָקִים, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה. כִּי הָיָה לָהֶם לִמּוּד גָּדוֹל וְנִפְלָא בָּזֶה לַעֲקֹר וּלְבַטֵּל הָעֲבוֹדָה זָרָה וְהַכְּפִירוֹת וּלְהַמְשִׁיךְ אֱמוּנָה שְׁלֵמָה בָּעוֹלָם.

מ'האט געדארפט לערנען אמונה, יעמאלט איז געווען אברהם אבינו "**אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם**[ז]" - די גאנצע וועלט איז געווען פארקערט פון אים; די גאנצע וועלט האט געדינט עבודה זרה, יעדער איינער האט געהאט זיינע טעותים. און אברהם אבינו האט געלערנט א מסכתא עבודה זרה; ער האט געהאט א גרויסע מסכתא צו מבאר זיין די אמונה הקדושה.

זאגט דער נביא אז צום סוף וועל איך נאך צוריקברענגען די אלטע צייטן; מ'וועט פארשטיין אז מ'דארף לערנען.. - מ'דארף זיך נעמען לערנען אמונה! דער רבי זאגט[ח]: "**אז פאר משיח קומט, קומט אראפ א מבול פון אפיקורסות**". אמאל איז מען געווען א מאמין, מ'איז געווען בחזקת מאמין - אָן קיין עקסטערע בדיקה איז מען געווען בחזקת מאמין. היינטיגע צייטן איז דא אזא 'מבול פון אפיקורסות', אויב מ'לערנט נישט קיין אמונה איז נישטא קיין שום חזקה אויף א מאמין.. מ'דארף היינט לערנען אמונה!

אבער מ'דארף האבן א רבי'ן אויף דעם, דער רבי איז א גרויסער מלמד. מ'האט געלערנט שבת[ט]: דער רבי איז א מלמד אויף "**השגות אלוקות**", ער לערנט אונז צו וויסן אז ס'איז דא א גאט אויף דער וועלט!

---

**ז.** ליקו"מ תנינא בהשמטה (המובאת לפני תורה א').

**ח.** ראה בכוכבי אור סיפורים נפלאים ד': בְּעִקְּבוֹת מְשִׁיחָא יִהְיֶה מַבּוּל "**מֶען וֶועט שִׁיסֶען מִיט אֶפִּיקוֹרְסוּת**" (יִירוּ עִם אֶפִּיקוֹרְסוּת) לֹא שֶׁל מַיִם, רַק שֶׁל מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת. וִיכֻסּוּ כָּל הֶהָרִים הַגְּבוֹהִים, וַאֲפִלּוּ בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל שֶׁלֹּא הָיָה מַבּוּל, רַק מֵחֲמַת שֶׁהָלַךְ בְּכֹחַ נִתְּזוּ שָׁם הַמַּיִם, **דָּאס הֵייְסְט עֶס וֶועט אַרַיְין שְׁפְּרִיצֶען אֲפִלּוּ אִין דִי כָּשֶׁרֶ'ע הֶערְצֶער** (הַיְנוּ שֶׁיַּתִּיז גַּם בְּתוֹךְ הַלְּבָבוֹת הַכְּשֵׁרִים). וראה בשיחות הר"ן ל"ה, ר"כ, קכ"ו. ובשיש"ק החדש ח"ג לד - לו.

**ט.** "שבת התאחדות" שהתקיים אז לבחורי החבורות בשבת בראשית התשפ"א בעיר בי"ש. ואז מסר רח"ב שיעור בליקו""מ תורה ל', שם מדבר רבינו שכ"א צריך לחפש את המלמד והרופא הגדול שיכניס בו השגות אלוקות וכו' עיי"ש.

## דער ערשטער סעיף אין שו"ע..

מענטשן זאגן: אמונה; פארוואס דארף מען א רבי אויף דעם, פרעג יעדער קינד וועט ער דיר זאגן אז ס'איז דא א גאט. מ'דארף א ישיבה, א רבי?! – אבער (די ענטפער איז:) דער עיקר צו זאגן אז ס'איז דא א גאט?! - דאס ווייסן אסאך..

ווען דער **בארדיטשוב'ער רב** איז מקורב געווארן צו דרך החסידות האט אים זיין שווער געפרעגט פארוואס איז ער געפארן ביים מגיד; וואס האסטו געלערנט ביים מגיד? - אט ער גענטפערט: **"כ'האב געלערנט אז ס'איז דא א גאט אויף דער וועלט!"** האט זיין שווער אנגעהויבן לאכן פון אים, ער האט אריינגערופן די דינסט (שפחה) און ער האט איר געפרעגט: ווער האט באשאפן די וועלט? - האט זי גענטפערט: דער אויבערשטער! - אט ער געזאגט פאר דער בארדיטשוב'ער: נו, איז וואס האסטו געלערנט ביים מגיד, זי ווייסט אויך וואס דו ווייסט.. האט דער בארדיטשוב'ער זיך אנגערופן: **זי 'זאגט' אז ס'איז דא א גאט אויף דער וועלט, איך 'ווייס' אז ס'איז דא א גאט אויף דער וועלט**[י]**!**

[וויל] צו 'וויסן' אז ס'איז דא א גאט אויף דער וועלט דארף מען קומען צום 'מגיד'; דארף מען קומען צום רבי'ן, דארף מען קומען צו די גרויסע מלמדים - וואס זיי קענען אונז אויסלערנען[יא] צו וויסן (באמת) אז ס'איז דא א גאט אויף דער וועלט. ווען איינער ווייסט אז ס'איז דא א גאט אויף דער וועלט איז זיין גאנצע התנהגות אנדערש.

---

**י.** ראה בספר שבחי הרב מברדיטשוב (הוצאת נחלת צדיקים) עמוד ט'.

**יא.** ראה בליקו"ה נזיקין ה'.

אזוי שטייט אין ערשטן סעיף אין "שולחן ערוך" [למעשה זאג איך נישט קיין גרויסע חידושים..]: "**שויתי ה' לנגדי תמיד**" - זאגט דער רמ"א[יב] - "שאין דומה"; די גאנצע התנהגות פון א מענטשן, זיין זיצן, זיין ליגן, און זיין גאנצע התנהגות - ווי ער זיצט ביי זיך אין שטוב אדער ער זיצט פארן אויבערשטן.

יעדער איינער ווען ער זיצט ביי זיך אין שטוב, ער קען זיך אויסציהען זיינע ביינער.. – אבער אז אינמיטן גיבט אים א קום אריין א מלך; עפעס א חשוב'ער איד א אביסל - איז אין איין רגע ווערט אלעס נשתנה; .

אז א מענטש ווייסט "**שויתי ה' לנגדי תמיד**" - אז דער אויבערשטער איז דא; איז די גאנצע התנהגות זיינע אנדערש. ער רעדט אנדערש, ער טראכט אנדערש, ער פירט זיך אנדערש. ער זיצט אנדערש, ער לייגט זיך אנדערש, אלעס איז אנדערש - דער גאנצער מענטש; אין איין רגע איז ער א אנדער מענטש - ער ווייסט אז ער זיצט פאר א מלך!

מ'וויל לערנען גמרא, מ'וויל לערנען שו"ע, מ'וויל לערנען 'הלכה למעשה' - דער ערשטן סעיף אין שו"ע קען מען?! - דער ערשטן סעיף אין שו"ע קען מען נאכנישט מקיים זיין.

ווי אזוי איז מען זוכה צו מקיים זיין דעם ערשטן סעיף אין שו"ע, צו וויסן אז ס'איז דא א גאט אויף דער וועלט.. "**שויתי ה' לנגדי תמיד, הוא כלל גדול בתורה ובמעלות הצדיקים**" – דאס איז דער ערשטער כלל פאַר אלעס!

---

**יב.** זל"ש: שִׁוִּיתִי ה' לְנֶגְדִּי תָמִיד הוּא כְּלָל גָּדוֹל בַּתּוֹרָה וּבְמַעֲלוֹת הַצַּדִּיקִים אֲשֶׁר הוֹלְכִים לִפְנֵי הָאֱלֹהִים, כִּי אֵין יְשִׁיבַת הָאָדָם וּתְנוּעוֹתָיו וַעֲסָקָיו וְהוּא לְבַדּוֹ בְּבֵיתוֹ כִּישִׁיבָתוֹ וּתְנוּעוֹתָיו וַעֲסָקָיו וְהוּא לִפְנֵי מֶלֶךְ גָּדוֹל, וְלֹא דִּבּוּרוֹ וְהַרְחָבַת פִּיו כִּרְצוֹנוֹ וְהוּא עִם אַנְשֵׁי בֵּיתוֹ וּקְרוֹבָיו כְּדִבּוּרוֹ בְּמוֹשַׁב הַמֶּלֶךְ, כָּל שֶׁכֵּן כְּשֶׁיָּשִׂים הָאָדָם אֶל לִבּוֹ שֶׁהַמֶּלֶךְ הַגָּדוֹל הַקָּבָּ"ה אֲשֶׁר מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ עוֹמֵד עָלָיו וְרוֹאֶה בְּמַעֲשָׂיו, כְּמוֹ שֶׁנֶּאֱמַר: אִם יִסָּתֵר אִישׁ בַּמִּסְתָּרִים וַאֲנִי לֹא אֶרְאֶנּוּ נְאֻם ה', מִיָּד יַגִּיעַ אֵלָיו הַיִּרְאָה וְהַהַכְנָעָה וּפַחַד ה' יִתְבָּרַךְ וּבָשְׁתּוֹ מִמֶּנּוּ תָּמִיד.

## זי זאגט – איך ווייס!

דער רבי איז א גרויסער מלמד, א גרויסער מלמד וואס ער לערנט אונז צו וויסן אז ס'איז דא א גאט אויף דער וועלט[יג] - ווער ס'גייט אריין אין רבינ'ס ישיבה **ווייסט** אז ס'דא א גאט אויף דער וועלט!

אנדערע קענען זאגן: עה, דאס ווייס איך אויכעט.. - וועט מען דיר ענטפערן דער בארדיטשוב'ער'ס ענטפער: 'דו זאגסט אז ס'איז דא א גאט אויף דער וועלט, אבער מ'זעט עס נישט אויף דיין התנהגות!'

מ'זעט נישט א גאנצע צייט אויף דיין התנהגות אז ס'איז דא א גאט אויף דער וועלט; דו גייסט און רעדסט און לאכסט און ס'זעט נישט אויס; לויט די התנהגות דיינע זעהט נישט אויס אז דו ווייסט אז ס'דא א גאט אויף דער וועלט. דו זאגסט אז ס'דא א גאט אויף דער וועלט, אבער דו ווייסט עס באמת?! - ביי איינער וואס לערנט ביים רבי'ן אמונה זעהט מען, ער ווייסט אז ס'דא א גאט אויף דער וועלט[יד]!

---

**יג.** ראה פרפראות לחכמה תורה ה' תנינא (אות כ"ג): ידוע שכל עסקו של רבינו ז"ל גם בחיים חיותו, **היה העיקר להכניס מדת האמונה** הקדושה בישראל לגדלה ולהשלימה בבחינת (תהלים ל"ז) ורעה אמונה. ובשיהר"ן רי"ט: **אַחַר שֶׁבָּא מִלֶּמְבֶּרְג** [שֶׁחַי אַחַר כָּךְ שְׁתֵּי שָׁנִים] **הָיָה מְדַבֵּר בְּכָל פַּעַם הַרְבֵּה מֵאֱמוּנָה**, וְהֵבַנּוּ מִדְּבָרָיו שֶׁכָּל דִּבּוּרָיו שֶׁמְּדַבֵּר כָּל כַּוָּנָתוֹ הָיָה הַכֹּל בִּשְׁבִיל לְהַכְנִיס אֱמוּנוֹתֵינוּ הָאֲמִתִּיּוֹת בְּלֵב כָּל אֶחָד וְאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל.

**יד.** וראה בכוכ"א סיפורים נפלאים מרביה"ק שמביא את מה שאמר האפיקורוס הירש בער שר"י על רביה"ק: "בְּכָל עֵת שֶׁאֲנִי בָּא לְרַבֵּנוּ, רַייסְט מֶען מִיר בַּיי דִי פָּאלֶעס {מושכים לי בדש בגדי}; **"הִירְשׁ בֶּער! עֶס אִיז דָא אַ גָאט אוֹיף דֶער וֶועלְט**!". [ואם על רחוקים כאלה היה לרביה"ק השפעה כ"ש וכ"ש על היראים וכו', והבן]

כ'האב שוין דערציילט אסאך מאל, כ'ווייס נישט צו איך האב עס דערציילט דא ביי די חבורה[טו] - ס'איז געווען פַאר א גוטע פָאר יאר א ברסלב'ער יונגערמאן וואס איז אוועק, ר' **לייזער ווייספיש** האט ער געהייסן. ער איז גע'הרג'עט געווארן, ס'איז געווען דארט א אטאקע (פיגוע) ביי דער צווייע'ר אויטא (בקו 2) נעבן זוועהיל. א גרויסער תלמיד חכם איז ער געווען, א גרויסער תלמיד חכם. ער האט געלערנט אין מיר'ער ישיבה. א גרויסער ת"ח געווען, ממש; ער האט געקענט כל התורה כולה.

ער איז געווען א איידים ביי א ליטוואק, זיין שווער איז געווען א איד מיט א קנייטש און א קורצע רעקל, א ליטווישער איד'ל.. און ער האט געהאט א איידים א ברסלב'ער חסיד, זיין גאנצע משפחה איז געווען א ליטווישע משפחה אבער זיין איידים איז געווען א ברסלב'ער חסיד. [ער האט איבערגעלאזט נאר איין מיידל, ער האט געהאט א קליין מיידל וואס ער אט איבערגעלאזט אין שטוב ל"ע.]

ביי די שבעה, האבן מענטשן געקומען מנחם אבל זיין, און דער שווער איז דארטן געזעצן. האב איך געהערט פון ר' **משה קרמר** שיחי' אז ער איז געווען דארט מנחם אבל זיין, האט ער דערציילט - אז מען האט געזעצן און מען האט גערעדט דארטן, אלע זענען אריינגעקומען און דערציילט שבחים אויף דער יונגערמאן, דער יונגערמאן גאר א גרויסער, גאר א חשוב'ער געווען. א תלמיד חכם, א בעל חסד, א שם טוב ממש, ער האט געהאט אָן א שיעור מעלות. אן א שיעור סארטן מעלות; א איש אשכולות.

אזוי האט מען ארום גערעדט דארטן פון זיינע אלע שבחים - האט זיין שווער דער ליטוויק זאך אנגערופן: אלע מעלות וואס איר האט געזאגט איז זייער פיין, אבער איר האט נאכנישט געזאגט זיין עיקר מעלה - זיין מעלה איז געווען אז ער איז געווען א ברסלב'ער! איר ווייסט וואס הייסט א ברסלב'ער? אזוי זאגט דער ליטוויק - איר ווייסט וואס הייסט א ברסלב'ער?!

---

**טז.** ראה רוחא דחיי קונטרס ח' עמוד כ"ג.

א ברסלב'ער הייסט; ביי אונז אלע, דער רבש"ע, ס'איז עפעס אזא סארט זאך, ס'איז ערגעץ דא אַזאַ זאך "דער רבש"ע!" – אבער ביי א ברסלב'ער איז דער אויבערשטער **דא!** דער אויבערשטער איז מיט אים; ער לעבט מיטן אויבערשטער, ער אָטעֶמט דער אויבערשטער, אלעס איז דער אויבערשטער!

דאס איז א ברסלב'ער! - **מיין איידים איז געווען א ברסלב'ער**; דער רבש"ע איז געווען ביי אים אין זיין לעבן!

## התבודדות – השגת אלוקות

ס'איז א מורא'דיגע זאך, א מורא'דיגער דערהער וואס איז דאס 'ברסלב'. דער רבי, פירט אונז דאך מיט אסאך עצות, מיט אסאך זאכן; לאמיר אנכאפן א דוגמא, דער רבי האט אונז געגעבן דעם ענין פון התבודדות.

דער לשון פון רבי'ן איז: "**התבודדות היא מעלה עליונה וגדולה מן הכל**". וואס הייסט עס 'מעלה גדולה ועליונה מן הכל' - ס'דא אסאך זאכן וואס ברענגט מענטשן צו עבודת ה', אבער התבודדות דאס איז די גרעסטע זאך ("המעלה העליונה")!

וואס הייסט התבודדות - זאגט דער רבי - א מענטש זאל זיך אויסרעדן די הארץ פארן אויבערשטן אויף זיין שפראך, דאס איז די העכסטע זאך! - דער רבי האט אראפגעברענגט די זאך פון אלוקות - **"די גרעסטע זאך" -** און ער האט עס אראפגעברענגט, ביז יעדער איינעם[טז] צו זיך אין זיין מויל; קענסט רעדן צום אויבערשטן אויף דיין שפראך!

**טז.** ראה טעם זקנים קונטרס ק"א עמ' 14: ביים רבי'ן איז דאך א ריינער אמת.. דעם אלטן וועג, א וועג פון רעדן צום אויבערשטן דיבורים; **רעד זיך נישט איין אז דאס איז עפעס א וועג** {נאר} **פון גדולים און צדיקים**, דאס איז דאך אזוי ווי א קינד - א קינד רעדט דאך אויך צום טאטן. וראה גם בקונטרס ע"ג (עמ' 7): **די צדיקים האבן געהאלטן אז התבודדות האט א שייכות טאקע נאר פאר גדולים, אבער דער רבי זאגט: 'מקטן ועד גדול'**.

**- אזא חידוש, איז נישטא אין די גאנצע וועלט!**

אין די גאנצע וועלט, אז מ'וויל ווערן א ערליכער איד, זאגט מען דיר: נעם עפעס א ספר מוסר, נעם אזא ספר אזא ספר.. פאר אראפ אין עפעס א מקום קדוש וועסט אויס'זאגן גאנץ תהילים. ס'דא אסאך דרכים, דאוון מיט כוונה, כל מיני זאכן.. - ס'איז אלעס באמת גוטע עצות, דער רבי האלט אויך פון די אלע עצות. אבער דער רבי איז זיך נישט מסתפק מיט דעם אלעס.

דער רבי חוץ פון אלעס, ברענגט ער אראפ, אז יעדער איינער דארף קענען רעדן מיטן אויבערשטן "**כדבר איש אל רעהו**[יז]". טאמער האלטסטו נישט אז דו קענסט רעדן מיטן אויבערשטן; אז דער רבש"ע הערט דיר אזוי ווי דו ביסט - האסטו נישט קיין [אמת'ן] קשר מיטן אויבערשטן!

דער רבי זאגט: "**מקטן ועד גדול אי אפשר להיות איש כשר באמת**" אָן התבודדות. אפילו דער גרעסטער מענטש, ווי גרויס ער וועט זיין, ער וועט טאן די גרעסטע עבודות, די גרעסטע זאכן וואס דערנענטערט צום אויבערשטן – אבער ס'וועט אים נישט מאכן קיין 'איש כשר באמת' אזוי ווי וואס התבודדות וועט מאכן.

און די זעלבע זאך פארקערט; דער נידריגסטער מענטש - כ'וועל זאגן: הער זיך איין, איך? רעדן צום אויבערשטן?! - אבער דער רבי זאגט: ניין, אפילו דער נידעריגסטער מענטש, דארף אויך און ער קען אויך מאכן התבודדות[יח]!

---

**יז.** ראה כוכ"א אנשי מוהר"ן ה' את מה שאמר רביה"ק למוהרנ"ת בתחילת התקרבותו: אִין וַוייטֶער סֶע זֵייעֶר גִיט, אַז מֶע רֶעט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַאר ה' יִתְבָּרַךְ, הַיְנוּ **אַזוֹי וִויא מֶע רֶעט זִיךְ אוֹיס פַאר אַיין אֶמֶתְ'ן גִיטְן פְרַיְנְט** (וּמֵעַתָּה, טוֹב מְאֹד אִם אוֹמְרִים אֶת כֹּל שֶׁבַּלֵּב לִפְנֵי ה' יִתְבָּרַךְ הַיְנוּ כְּמוֹ לִפְנֵי חָבֵר טוֹב אֲמִתִּי). ובחיי"מ תל"ט: כָּךְ עִקַּר הַתְּפִלָּה לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בִּפְשִׁיטוּת גָּמוּר כְּתִינוֹק לִפְנֵי אָבִיו, **כַּאֲשֶׁר יְדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ** (עיי"ש כל הסיפור). ובליקו"מ צ"ט תנינא: וְאָמַר: הֲלוֹא כְּשֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עוֹזֵר בְּהִתְבּוֹדְדוּת אֲזַי הַהִתְבּוֹדְדוּת הוּא **כַּאֲשֶׁר יְדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ**.

**יח.** ראה טעם זקנים קונטרס קכ"ז עמ' כ"ט: דער רבי רעדט דאך די עצות צו יעדן איינעם; **ביי דער עצה פון האבן התבודדות רעדט דאך דער רבי אפילו פון א 'גס שבגס'** - "מקטן ועד גדול!". (עיי"ש באריכות ההסבר לזה).

"התבודדות" דאס איז די עצה וואס כאפט אָן דעם מענטשן, און ווי רופט מען דאס? – **"השגות אלוקות"!** דאס אלעס מיינט אז דער רבי איז א רבי וואס ער ברענגט אראפ 'השגות אלוקות'.

וואס הייסט 'השגות אלוקות'? - השגות אלוקות הייסט אז ס'איז 'בהישג יד' (השגה מל' הישג). **דער רבי ברענגט אריין אז מ'קען האבן א שייכות** (א' השגה) **מיטן אויבערשטן. יעדער איינער קען האבן א שייכות מיטן אויבערשטן**[יט]**! ממש פון הארץ און פון מויל ארויס, "בְּפִיךָ וּבִלְבָבְךָ לַעֲשֹׂתוֹ!**[כ]**"**.

דער רבי איז א מלמד וואס ער לערנט יעדן איינעם אויס צו קענען רעדן מיטן אויבערשטן בכל עת - קענען רעדן מיטן אויבערשטן, קענען זיך דורכרעדן מיטן אויבערשטן, זיך אויסשמועסן מיטן אויבערשטן, אלע זאכן זיך מיישב זיין מיטן אויבערשטן.

א מענטש דארף באקומען **"ישוב הדעת"** - די ישוב הדעת באקומט מען פון וואס ער רעדט מיטן אויבערשטן, דאס מאכט דעם ישוב הדעת[כא]. ער רעדט מיטן אויבערשטן און ער איז זיך מיישב בדעתו.

---

**יט.** ראה שיש"ק הישן ה, שי"ג: כְּשֶׁבָּז פַּעַם מִתְנַגֵּד אֶחָד עַל אֶחָד מֵאַנְשֵׁי-שְׁלוֹמֵנוּ כְּשֶׁרָאָהוּ פּוֹנֶה בִּתְפִלָּתוֹ לַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וּמֵשִׂיחַ לִבּוֹ כְּדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ וְאוֹמֵר אֵלָיו: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם רַחֵם עָלַי", אָמַר לוֹ: מַה מְּפַטְפֵּט אַתָּה בְּדִבּוּרִים. עָנָה לוֹ זֶה מֵאַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ: **אָכֵן, אָכֵן, זֶה הָעֹשֶׁר וְהָאוֹצָר הַגָּדוֹל שֶׁהִנְחִילָנוּ רַבֵּנוּ, שֶׁלִּמְּדָנוּ שֶׁאַף אִם אָנוּ כְּמוֹ שֶׁאָנוּ, יֵשׁ בִּיכָלְתֵּנוּ לִפְנוֹת אֵלָיו יִתְבָּרַךְ וּלְהַפְצִיר בּוֹ תָּמִיד כִּרְצוֹנֵנוּ, בְּכָל עֵת וּבְכָל שָׁעָה בְּאֵיזֶה דַּרְגָּא וְאֹפֶן שֶׁאָנוּ נִמְצָאִים.**

**כ.** דברים ל, יד. וראה בחיי"מ רצ"ה, ובשיש"ק הישן א' ת"ב.

**כא.** ראה ליקו"מ תורה ט' תניינא. וראה בטעם זקנים קונטרס צ"ה (עמ' 14): דער עיקר התבודדות איז דאך דאס; ער זאל אויסרעדן פאר'ן אויבערשטן אלעס, ביי התבודדות גייט מען איבער דעם טאג (אלעס וואס מען האט גיטאן) - קומט דאך אויס אז דער התבודדות איז גאר א **ישוב הדעת** אויפן גאנצן טאג. ובקונטרס ק"י (עמ' ו): דאס איז דאך אינגאנצן וואס דער רבי האט געהייסן רעדן צום אויבערשטן, האבן ישוב הדעת.. מען זאל האבן דעם ישוב הדעת 'וואס טוה איך דא? צו וואס דריי איז זיך? וואס איז דער תכלית?!' - האבן דעם לעצטן קוק! ובקונטרס צ"ב (עמ' 20): דער ענין פון התבודדות, זיך אויסרעדן פאר השי"ת - דאס איז אַן ענין פון **"ישוב הדעת"**. דאס וועט אים אוועקשטעלן אויף א וועג אז מען זאל ניצול ווערן פון ריבוי אור, און פון ריבוי חושך אוודאי.

יעדער איינער וואס ער הערט אזעלכע זאכן, בדרך כלל,ביים אנהויב זאגט ער: איך ווייס נישט, ס'איז זייער שיינע ווערטער, אבער ס'איז נישט פונקט פאר מיר; איך ווייס נישט ווי מ'מאכט עס.. - ווי קען מען זאגן אז התבודדות דאס זאל ווערן מיין גאנצער חיות? 'איך' זאל רעדן צום אויבערשטן?!

אה, ביזסט גערעכט, דו דארפסט א מלמד. ס'איז ריכטיג וואס דו זאגסט. [אבער] דער רבי איז א "**מלמד**", דער רבי קען דיר אויסלערנען, ער לערנט דיר אויס צו רעדן מיטן אויבערשטן. דער רבי געוואוינט דיר איין, ער פארענטפערט דיר דיינע אלע תמיהות און דיינע אלע קשיות און אלע זאכן וואס דערווייטערט דיר פון רעדן צום אויבערשטן. דער רבי ברענגט אלעס אראפ צו דיר, זאלסט יא קענען רעדן צום אויבערשטן!

דער רבי איז א 'מלמד' וואס ער ברענגט אראפ די אמונה, ער ברענגט אראפ די אלוקות. אז מ'זאל קענען רעדן; יעדער איינער זאל קענען ווערן נאנט צום אויבערשטן, ער זאל קענען מקיים זיין דעם "שויתי ה' לנגדי תמיד". ער זאל קענען זיך האלטן אין אויבערשטן אין אלע סארטן צייטן. וואס דער עיקר כלי פון דעם למעשה, איז רעדן צום אויבערשטן[כב].

ביי אונז אין ברסלב ווייסט מען א כלל: וואס מ'רעדט פון עבודת ה', מיינט אז דער למעשה פון דעם איז "**תפילה והתבודדות**" - רעדן צום אויבערשטן. וואס מ'רעדט, דער למעשה פון דעם, איז דורך רעדן צום אויבערשטן[כג]!

---

**כב.** ראה ליקו"מ תורה ט' קמא, ובתורה פ"ד תנינא.

**כג.** ראה בליקו"מ תנינא תורה ק"א ובשיש"ק ג, ק"א.

פארשטייען מיר שוין וואס הייסט אז דער רבי פירט א ישיבה - דער רבי פירט א ישיבה וואס ער לערנט אויס די אמונה (השגות אלוקות) פאר אונז אלעמען; יונגע און עלטערע.

סיי ווען א מענטש איז יונג און ער האלט ביים אנהויב, פירט אים דער רבי אריין. און סיי ווען דער מענטש ווערט עלטער און ס'דאכט זיך אים אז ער איז שוין אלט, ער איז שוין פארמאטערט, ס'ווערט אים שוין עפעס אזוי נישט, ס'פעלט אים פרישקייט.. - ברענגט דער רבי אריין אין א מענטש'ן פרישקייט. נאך מערער, און נאך מערער, און נאך מערער; נאך פשוט'ער..

[**רח"ב לבחורים: מאכט א ברכה, מאכט א ברכה.. דער עולם טרינקט נישט; נישט אזוי זיצט מען פארן אויבערשטן, אז מ'זיצט פארן אויבערשטן דארף מען טרינקען, מ'מאכט א ברכה! אז מ'טרינקט נישט איז א סימן אז מ'זיצט פאר מענטשן; מ'שעמט זיך פאר מענטשן, מ'זעט נישט דעם איבערשטן.. אז מ'זעט דעם אויבערשטן טרינקט מען!**]

## א גאנצן טאג 'התבודדות'

דער רבי האט געזאגט[כד]: אז איך וואלט געוואלט מ'זאל האבן א גאנצן טאג התבודדות - אזוי וואלט איך געוואלט - נאר הלוואי זאל מען פועל'ן..

---

**כד.** ראה ליקו"מ צ"ו תנינא: וְאָמַר שֶׁרְצוֹנוֹ שֶׁיִּהְיֶה לָנוּ **כָּל הַיּוֹם כֻּלּוֹ הִתְבּוֹדְדוּת** וּלְבַלּוֹת כָּל הַיּוֹם עַל זֶה אַךְ לָאו כָּל אָדָם יָכוֹל לְקַיֵּם זאת עַל כֵּן בְּהֶכְרֵחַ לְצַוּוֹת לָהֶם שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם עַל כָּל פָּנִים אֵיזֶה שָׁעָה הִתְבּוֹדְדוּת כִּי גַּם זֶה טוֹב מְאד אֲבָל מִי שֶׁלִּבּוֹ חָזָק בָּהּ, וְרוֹצֶה לְקַבֵּל עָלָיו עַל עֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ בֶּאֱמֶת רְצוֹנוֹ שֶׁיִּהְיֶה לוֹ כָּל הַיּוֹם הִתְבּוֹדְדוּת (בְּרָכוֹת כא) : וּלְוַאי שֶׁיִּתְפַּלֵּל אָדָם כָּל הַיּוֹם כֻּלּוֹ. ובחיי"מ תל"ח: פַּעַם אַחַת הָיָה מְדַבֵּר עִמָּנוּ, וְהָיָה מַרְבֶּה לְדַבֵּר אָז מֵעִנְיַן מַעֲלַת הַהִתְבּוֹדְדוּת, וְהָיָה מַפְלִיג מְאֹד בְּשֶׁבַח מַעֲלַת גְּדֻלַּת הַנְהָגָה זוֹ. וְאָמַר שֶׁאִי אֶפְשָׁר לְצַוּוֹת לַאֲנָשִׁים שֶׁיִּנְהֲגוּ הַנְהָגָה זוֹ כִּי־אִם שָׁעָה אַחַת בַּיּוֹם, כִּי אִי אֶפְשָׁר לְהַכְבִּיד עֲלֵיהֶם יוֹתֵר. אֲבָל בֶּאֱמֶת הָיוּ צְרִיכִים שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם **כָּל הַיּוֹם הִתְבּוֹדְדוּת**.

לאמיר זעהן דער רבינ'ס לשון: "**ואמר שרצונו שיהיה לנו כל היום התבודדות ולבלות כל היום על זה, אך לאו כל אדם יכול לקיים זאת. על כן בהכרח לצוות להם שיהיה להם על כל פנים איזה שעה התבודדות כי גם זה טוב מאד - אבל מי שליבו חזק בה' ורוצה לקבל עליו עול עבודתו יתברך באמת, רצונו שיהיה לו כל היום התבודדות. והזכיר אז מאמר חז"ל ולוואי שיתפלל אדם כל היום כולו**".

צו וואס דערמאן איך עס? - אז דער רבי אליין זאגט אז ס'איז זייער שווער - איז ווען מ'הייבט אן רעדן מיט בחורים, וואס הלוואי זאלן זיי זיך איינגעוואוינען צו האבן עפעס א התחלה פון התבודדות - דארף מען רעדן מיט זיי פון 'א גאנצן טאג התבודדות'?! מ'דארף נאך רעדן מיט זיי זאלן זיך אנהייבן מרגיל זיין צו האבן א 'שטיקל קביעות' אין התבודדות - און איך רעד שוין דא פון א גאנצן טאג התבודדות?!

נאר איך וויל פרעגן פארקערט [איך רעד נישט איצטער וועגן וואס מ'טוט, אבער לאמיר פרעגן א שאלה פאר די הבנה פון די זאך..] דער רבי זאגט אז מ'דארף האבן א גאנצן טאג התבודדות, ווער ס'איז "**לבו חזק בה' ורוצה לקבל עליו עול עבודתו יתברך באמת, רצונו שיהיה לו כל היום התבודדות**".

וויל איך פרעגן א שאלה [נישט איך פרעג די שאלה, אלע פרעגן עס; גאר אסאך קומען מיר פרעגן אסאך מאל די שאלה] – "נו, איז וואס, איז ווען דארף מען לערנען, ווען איז דא צייט פאר אלע אנדערע מצות; א גאנצן טאג האט מען התבודדות? - דער רבי זאגט אז ס'איז דא אזא זאך 'א גאנצן טאג האבן התבודדות', ווי קען זיין אזא זאך בכלל?!"

די קשיא פרעגט מען, אז מ'ווייסט נישט וואס הייסט התבודדות, דערפאר פרעגט מען אזא שאלה. וואס הייסט התבודדות – 'התבודדות' הייסט אז איך רעד מיטן אויבערשטן, איך רעד מיטן אויבערשטן! דער רבי זאגט אפילו ווען איך רעד צום אויבערשטן אויף אידיש, איז עס אויכעט תפילה[כה].

**כה.** בתורה כ"ה: וּתְפִלָּה וְשִׂיחָה זוֹ יִהְיֶה בַּלָּשׁוֹן שֶׁמְּדַבְּרִים בּוֹ דְּהַיְנוּ **בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז** (בִּמְדִינָתֵנוּ) כִּי בִּלְשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ קָשֶׁה לוֹ לְפָרֵשׁ כָּל שִׂיחָתוֹ וְגַם אֵין הַלֵּב נִמְשָׁךְ אַחֲרֵי הַדִּבּוּרִים, מֵחֲמַת שֶׁאֵינוֹ

איז אזא איינער וואס ער האט 'התבודדות' - ער רעדט צום אויבערשטן אפילו אויף אידיש, ער איז קונה די זאך פון התבודדות, ער רעדט צום רבש"ע 'כדבר איש אל רעהו' - איז נישט נאר ווען ער מאכט התבודדות רעדט ער צום אויבערשטן, נאר אלעס וואס ער טוט איז התבודדות!

בשעת ער זאגט תהילים, איז זיין תהילים אויכעט א אנדערע זאך! דער רבי זאגט[כו]: פון וואנעט איז געווארן דער תהילים פון "**דוד המלך**" - פון רוב התבודדות וואס ער האט אזויפיל געהאט, פון דעם איז געווארן דער תהילים. דער תהילים דאס איז דער תמצית פון די התבודדות פון דוד המלך. דאס הייסט אז ווען מ'זאגט תהילים; איינער וואס ער איז א 'בעל התבודדות', ווען ער זאגט תהילים, איז עס אויכעט א אנדער תהילים - ס'איז 'א תהילים פון התבודדות'!

און די זעלבע זאך ווען ער לערנט גמרא - ס'איז דא איינער וואס לערנט גמרא, און וואס מער ער לערנט פארגעסט ער מער פון דעם אויבערשטן, וואס מער ער לייגט זיך אריין מער אין לערנען פארגעסט ער מער פון דעם אויבערשטן.. - אבער ווער ס'לערנט אזוי ווי ס'דארף צו זיין, איז עס א גמרא מיטן אויבערשטן; א גמרא פון התבודדות!

וואס הייסט מ'לערנט? - מ'לערנט דעם אויבערשטנ'ס תורה! דער אויבערשטער איז דא מיט אים, שטייט: "**כל היושב ולומד שכינה כנגדו**[כז]", "**הקב"ה יושב ושונה כנגדו**[כח]". א מענטש בשעת ער לערנט, לערנט ער מיטן אויבערשטן, ער לערנט מיטן אויבערשטן!

---

מֻרְגָּל כָּל כָּךְ בְּהַלָּשׁוֹן כִּי אֵין דַּרְכֵּנוּ לְדַבֵּר בִּלְשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ אֲבָל בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז שֶׁמְּסַפְּרִים וּמְדַבְּרִים בּוֹ קַל וְקָרוֹב יוֹתֵר לְשַׁבֵּר לִבּוֹ כִּי הַלֵּב נִמְשָׁךְ וְקָרוֹב יוֹתֵר אֶל לְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז, מֵחֲמַת שֶׁהוּא מֻרְגָּל בּוֹ וּבִלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז יָכוֹל לְפָרֵשׁ כָּל שִׂיחָתוֹ וְאֶת כָּל אֲשֶׁר עִם לְבָבוֹ יָשִׂיחַ וִיסַפֵּר לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ.

**כו.** ראה ליקו"מ תורה קנ"ו ובתנינא תורה ק' וקכ"ה ובשיחות הר"ן ס"ח ובחיי"מ רל"ו.

**כז.** תמיד ל"ב:

**כח.** ברכות ו.

אזא לערנען איז א אנדער סארט לערנען[כט]; דערפאר קען ער נישט מפסיק זיין אינמיטן לערנען. מפסיק זיין אינמיטן לערנען? - ער זיצט מיטן אויבערשטן! ער זיצט מיטן אויבערשטן; ער רעדט מיטן אויבערשטן בשעת ער לערנט[ל]!

און דאס אלעס ווערט טאקע, דורך דעם וואס מען איז זיך מרגיל מיט התבודדות. א מענטש וואס ער איז קונה די זאך פון התבודדות, איז אלעס וואס ער טוט איז התבודדות; אפילו ווען ער רעדט מיט מענטשן..

## איך רעד גאר צום אויבערשטן!

איך געדענק יארן צוריק איז געווען א אסיפה - מ'איז געזעצן א אסיפה מיט ר' **יעקב מאיר'ן** [שכטער] אויף עפעס א זאך. מ'איז געזעצן; ר' יעקב מאיר, מיט ר' **משה קרמר**, מיט נאך אפאר מענטשן וואס זענען געווען נוגע צום ענין. ס'איז געווען עפעס א נידון, עפעס א שווערער נושא.

אנהויב די אסיפה האט ר' יעקב מאיר זיך אנגערופן: "מיר זעצן זאך דא א אסיפה און רעדן פון דעם נושא, וואס קענען מיר טאן? - די גאנצע אסיפה למעשה איז תפילה, מיר רעדן דא יעצט; מיר רעדן צום אויבערשטן! - אלעס וואס מיר רעדן דא, מיר רעדן עס צום אויבערשטן.

מ'האט גערעדט 'אזוי צו אזוי, דאס גייט יא דאס גייט נישט, אפשר גאר אזוי'.. – אט ר' יעקב מאיר געזאגט: אלעס וואס מיר רעדן, זענען מיר עס

---

**כט.** ראה טעם זקנים קונטרס ו' (עמוד 18): **אז מ'מאכט התבודדות, איז נאכדעם דער לערנען אַן אנדערע לערנען אויך**; ער לערנט דערנאך א בלאט גמרא, א פרק משניות, איז עס א אנדערע לערנען..

**ל.** ראה ליקו"מ תורה נ"ו

מציע פארן אויבערשטן. מיר רעדן מיט מענטשן - אבער מיר רעדן פארן אויבערשטן!

און דער אמת איז, אז ווער ס'עפנט אויף א סידור, וועט ער זעהן אז דער גאנצער דאווענען קוקט אויס אזוי; א גאנצע צייט רעדט מען מיט מענטשן. מ'הייבט אָן דעם דאווענען "**הוֹדוּ לַה' קִרְאוּ בִשְׁמוֹ הוֹדִיעוּ בָעַמִּים עֲלִילוֹתָיו**" - צו וועמען רעדט מען? שטייט נישט אז צום אויבערשטן. 'הודו לה' - מ'רעדט צו מענטשן; 'הודו' להשם, 'קראו' בשמו, 'הודיעו' בעמים עלילותיו'.. – אלעס; דער גאנצער דאווענען רעדט מען, מ'רעדט צו איינעם.

די זלעבע זאך מיט'ן פסוק "**אַשְׁרֵי הָעָם שֶׁכָּכָה לּוֹ אַשְׁרֵי הָעָם שֶׁה' אֱלֹקָיו**" - שטייט נישט 'אשרינו שאתה ה' אלוקינו', 'אשרי העם שה' אלוקיו' זאגט מען. מ'רעדט צום אויבערשטן עפעס אזוי, עפעס אזוי פון זייט, פון דארטן.. (- בגוף שלישי).

זעט מען איין זאך; אויב די הארץ איז א אנדער הארץ, רעדט מען צום אויבערשטן! מ'רעדט **פון** אויבערשטן, מ'רעדט **צום** אויבערשטן - ס'איז אלעס איין זאך.. די הארץ איז אפן, מ'זעהט דעם אויבערשטן - -

דאס הייסט "השגות אלוקות" - א מענטש; מ'קוקט אָן עפעס א מענטש מגושם'דיק אזוי, אבער דער אייבערשטער איז עפעס א 'כלליות הגוונין'; ס'איז העכער פון די גשמיות'דיגע גבולות..

דער אויבערשטער; אז מ'הייבט אן ווערן נאנט מיטן אויבערשטן, קען מען רעדן אויף אלע אופנים צום אויבערשטן. אפילו ווען ער רעדט צו מענטשן רעדט ער אויך צום אויבערשטן - ס'איז עפעס א אנדער זאך אינגאנצן!

## דער 'שלום עליכם' פולמוס

ס'איז ידוע אז ס'דא אזא סארט קשיא אין די וועלט פארוואס מ'זאגט "**שלום עליכם**", ס'איז געווען א גאנצע נושא[לא]. פרייטיג צונאכט'ס זאגט מען דאך שלום עליכם, ס'קומט אריין די מלאכים, מ'זאגט 'שלום עליכם', 'בואכם לשלום', - מ'בעט די מלאכים "**ברכוני לשלום**". און אזוי אויך שפעטער ביי די תפילה פון 'ריבון העולמים' בעט מען "**מלאכי השלום ברכוני לשלום**".

איז געווען אזעלכע וואס האבן מערער געווען אויף דעם פארוואס מ'רעדט צו די מלאכים, מ'דארף בעטן דעם אויבערשטן! וואס הייסט, ס'שטייט אז מ'איז נישט מתפלל צו קיין מלאכים! ס'דא אסאך תירוצים אויף דעם [ס'איז נישט קיין קשיא, אבער ס'דא גאר אסאך תירוצים..]. במשך הדורות איז עס געווען א נושא, ס'איז געווען א פולמוס, ס'ווערט געברענגט אין אסאך פלעצער דער נושא.

איז דער **חזון איש** האט געזאגט אזא תירוץ[לב]: ביי שלום עליכם רעדט מען צום אויבערשטן, מ'רעדט נישט צו די מלאכים. זאגט ער א משל, אזוי ווי א אינגל זיצט ביי זיין טאטנ'ס טיש, דער טאטע ברענגט אָן געסט, ער גיבט אלעמען, ער האט אינזינען די געסט און ער גיבט פאר יעדן איינעם א

---

**לא.** ראה בסידור היעב"ץ (עמ' ק"נ, מוסף השבת אות י') ובכתר ראש (הנהגות הגר"ח מוולאז'ין, אות צ"ג). ובפתח הדביר (או"ח סימן רס"ב א, ג) ובשדי חמד (כרך ו, מערכת ר"ה א, ב). וראה בכתר הראש השלם (הו' מכון ירושלים) שמביא הדו"ד בזה. [ונושא זה קשור גם לענין אמירת פיוט "מלאכי רחמים", ראה בפסקי תשובות הלכות ר"ה (חלק ו' עמ' רח"צ)]

**לב.** ראה בספר דעת נוטה (להגרח"ק) חלק א' עמוד פ"ו בהערות. וכעי"ז מצינו כבר בתשובות מהר"י ברונא (מתלמידי בעל התרומת הדשן, סי' ער"ה) לגבי פיוט 'מלאכי רחמים' וז"ל: מה שאנו אומרים 'נא מדה נכונה' וכן 'מידת הרחמים' ו'מכניסי רחמים', אינו אלא דרך שפלות ועבדות, **שמדבר בפני המלך ליועציו לְדַבֵּר אל המלך, והוא בוש בדבר לקרב אל המלך**, ואין זה דרך אמצעי כלל.

חשוב'ע פארציע (מנת אוכל). און דער אינגל, וויבאלד דער טאטע איז שטארק פארנומען מיט די געסט, ווייסט ער אז אין אזא מצב, בשעת אין שטוב קומט אריין אסאך געסט, איז דער טאטע מיטן אינגל רעדן נישט אזויפיל, ער איז מער פארנומען מיט די געסט. און אסאך מאל ווערט עפעס אזוי אז דער קינד ווערט באזייטיגט..

דער קינד האט נישט געהאט קיין פארציע, ס'איז נישט אנגעקומען ביי אים, צו זיין פלאץ איז נישט אנגעקומען קיין פארציע. ער האט זיך געשעמט צו זאגן זיין טאטן: טאטע גיב מיר א פארציע!' - ווייל ס'האט נישט קיין טעם צווישן די געסט. וואס האט ער געטאן, ס'איז אים איינגעפאלן א תחבולה, ער האט געגעבן א רעד צו איינע פון די געסט: 'אפשר קענסטו מיר געבן א פארציע?' - ער האט געוואלט מרמז זיין זיין טאטן, אט ער גערעדט צו די געסט און מרמז גיווען זיין טאטן. קומט אויס אז בעצם רעדט ער צו דעם טאטן - אבער ער רעדט צו אים דורך די געסט!

זאגט דער "**חזון איש**": אז ס'קומט פרייטיג צונאכטס און די מלאכים קומען, פירט זיך אויך אזא זאך.. דערפאר רעדט מען צו די מלאכים - מ'רעדט צו זיי, אבער מ'איז מרמז פארן אויבערשטן, מיר רעדן צום אויבערשטן 'ברכוני לשלום'.. - אלעס רעדט מען צו דער אויבערשטער זאל אונז געבן, נאר מ'רעדט צום אויבערשטן דורך וואס מ'רעדט צו די מלאכים. אזוי האט ער געענטפערט.

עכ"פ, דאס אלעס איז געזאגט געווארן ביי א מענטש וואס טאקע דעם אויבערשטנ'ס אלוקות, וואס "**מלא כל הארץ כבודו**", ווערט באוויזן ביי אים - ער ווערט מורגל מיט דעם טאקע. וואס מער מ'איז זיך מער מרגיל לעבן מיטן אויבערשטן און רעדן צום אויבערשטן - ווערט נתחדש אָן א שיעור אופנים ווי אזוי מ'רעדט צום אויבערשטן.

## גיין צום אויבערשטן!

וואס וויל איך דא זאגן? - מ'האט געפרעגט פריער וועגן רעדן אז מ'דארף מאכן א גאנצן טאג התבודדות - איז טאקע מיר האלטן נאכנישט דארטן; נאר ס'איז א נפקא מינה פאר אונז אויך, שוין גלייך ביים אנהויב פון (אריינגיין אין די עבודה פון) התבודדות.

דער רבי לערנט אונז (מיט דעם) אז התבודדות הייסט: אז מ'קען שטענדיג רעדן צום אויבערשטן אין יעדן מצב און אין יעדן אופן. און דאס דארף מען זיך שוין מרגיל זיין פון אנהייב אָן.

טאקע מ'רעדט נאכנישט פון מאכן א גאנצן טאג התבודדות.. - אבער מ'דארף קענען עפענען די מויל פארן אויבערשטן אין יעדער צייט. נישט זאגן 'יעצט קען איך נישט רעדן מיטן אייבערשטן' - שטענדיג דארף מען קענען עפענען די מויל צום אויבערשטן!

מ'דארף זיך מרגיל זיין אין דעם, דאס איז דער א-ב פון התבודות פאר מ'רעדט נאך פון די קביעות. [ס'דא א עקסטערע נושא וואס מ'דארף רעדן פון די קביעות פון התבודדות, זיך קובע זיין אין התבודדות.]

אבער נאך פאר די קביעות, דארף מען וויסן פון דער עצם מושג אז מ'קען רעדן צום אויבערשטן. פון יעדן מצב און פון יעדער מציאות דארף מען אלעמאל וויסן - **גיין צום אויבערשטן!**

מיר האבן שוין דערמאנט פון דעם, א בחור טרעפט זיך עפעס אינמיטן סדר; ער האט אנגעהויבן לערנען, ער האט זיך פאר רעדט.. - שוין, האט ער זיך שוין אינגאנצן דערווייטערט פון אייבערשטן. יעצט ווייסט ער שוין נישט ווי אזוי מ'קומט צוריק; ס'וועט [דארפן] אריבערגיין דריי טעג ביז ער וועט קענען זיך צוריק דערנענטערן צום אויבערשטן.. - נישט אזוי גייט עס! דער רבי

לערנט אונז[לג], זיך אויסלערנען רעדן צום אויבערשטן פון דיין פלאץ וואו דו ביזסט; פון די 'הרחקה'.

פילסט א הרחקה פון אויבערשטן - ביזסט דורכגעפאלן, האסט זיך פארפליישיגט, האסט זיך פארשמירט?! - פון **דא** רעדט מען צום אויבערשטן! "רבש"ע כ'האב חרטה, רבש"ע העלף מיר איך וויל יא לערנען, איך וויל יא זיין גוט.." - רעד צום אויבערשטן, גיי צוריק!

**דאס דארף מען לערנען, דאס איז די א-ב!**

**אריינברענגען דעם אויבערשטן אין דיין לעבן, אין אלע סארטן מציאות'ן!**

דאס הייסט אז א ברסלב'ער חסיד האט א מלמד וואס ער לערנט אים אויס: 'נישטא קיין אנטלויפן פון אויבערשטן!'

## זיך איינקויפן דער "מפטיר יונה"..

יא, מ'ליינט, יום כיפור ליינט מען "**מפטיר יונה**", ס'טוט זאך, מפטיר יונה.. - וואס איז מפטיר יונה? יונה הנביא איז געווען א גרויסער נביא, און דער אויבערשטער האט אים געהייסן זאגן נבואה (אין נִינְוֵה), און ער האט נישט געוואלט זאגן די נבואה. האט ער געטראכט אז ער וועט [קענען] אנטלויפן פון דעם אויבערשטן..

אבער ס'האט אים גארנישט געהאלפן; ער איז אנטלאפן אויף א שיף, דער ים האט גענומען שטורעמען, און די אלע גוים, די געצן דינער'ס (**עובדי גילולים**), האבן געפרעגט וואס מיינט עס, וואס גייט דא פאר; "**בשל מי הסער הגדול הזה**".. - בקיצור, ער האט געמוזט מודה זיין אז דער גאנצער שטורעם איז צוליב אים.

**לג.** ראה ליקו"מ תורה ע"ח, ובעל"ת מכתב ס"ז.

האט ער זיי געזאגט ווארפט מיר אריין אין ים, האט מען אים טאקע אריינגעווארפן. גלייך ווען מ'האט אים אריינגעווארפן איז גיקומען א פיש און האט אים איינגעשלונגען. ער האט געמיינט אז מ'וועט אים אריינוואפרן אין ים האט זיך געענדיגט די מעשה.. - נע! א פיש האט אים איינגעשלונגען, און ער האט אנגעהויבן שרייען צום אייבערטשן "**מִבֶּטֶן שְׁאוֹל שִׁוַּעְתִּי - שָׁמַעְתָּ קוֹלִי**[לד]"; מ'קען נישט אנטלויפן פון דיר!

און דאס וואס איך זאג איצטער שטייט אין "**משנה ברורה**" אין "**שער הציון**", ער זאגט[לה]: פארוואס ליינט מען מפטיר יונה יום כיפור, אז מ'זאל זיך אויסלערנען אז מ'קען נישט אנטלויפן פון אויבערשטן. (אפילו) וועסט אנקומען אין ים - וועט דיר א פיש איינשלינגען, וועסטו פון דארטן דארפן שרייען צום אייברשטן.. מ'קען נישט אנטלויפן פון אויבערשטן!

ער ברענגט אז ס'שטייט א משנה אין פרקי אבות[לו]: "**ואל יבטיחך יצרך, שהשאול בית מנוס לך**" - א מענטש זאגט: "יאלא! איך גיי שוין אין שאול

---

**לד.** יונה ב, ג.

**לה.** שו"ע או"ח הלכות יוה"כ סימן תרכ"ב שעה"צ ס"ק וז"ל: שו"ע או"ח הלכות יוה"כ סימן תרכ"ב במשנ"ב (ס"ק ז): ומפטירים ביונה שמדבר מן התשובה. ועוד, **שאין יכולין לברוח מן השי"ת**. ובשעה"צ (ס"ק ז) הרחיב לבאר: וכוונתם, כי האדם חושב כמה פעמים לייאש את עצמו {וחושב} שאין יכול לתקן בשום אופן, ועל כן יתנהג תמיד באופן אחד {ואינו משנה מעשיו לטובה, ומשלים בדעתו} ואם יגזור עליו הקב"ה למות ימות. **אבל טעות הוא, שסוף דבר יהיה** {ש}**כל מה שהקב"ה רוצה מנפשו שיתקן מוכרח הוא לתקן**, ויבוא עוד פעם ופעמיים לעוה"ז ובע"כ יוכרח לתקן - ואם כן למה לו כל העמל למות ולסבול חיבוט הקבר ושאר צרות ולחזור עוד הפעם.

וראיה מיונה הנביא, שהקב"ה רצה מאיתו שילך וינבא והוא מיאן בזה ונס לים [מקום שלא ישרה עליו עוד שכינה לנבאות כידוע], וראינו שנטבע בים ונבלע בדג והיה שם במעיו כמה ימים, ולפי הנראה בוודאי לא יכול {היה} להתקיים דברי השי"ת, ומ"מ ראינו שסוף דבר היה שרצון השי"ת נתקיים וילך וַיִּנָּבֵא. כן הוא האדם בעניניו, וזהו שאמרו באבות "ואל יבטיחך יצרך שהשאול בית מנוס לך שעל כרחך אתה נוצר וכו'.

**לו.** אבות ד, כב. וראה בעל"ת מכתב רנ"ט: וְעַתָּה רְאֵה וְהָבֵן וַחֲכַם אֵיךְ אֵין שׁוּם 'בֵּית מָנוֹס' כִּי אִם לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וּלְהַתּוֹרָה, **וְהָעִקָּר לִשְׁפֹּךְ שִׂיחוֹ לִפְנֵי ה' עַל כָּל דָּבָר**.

תחתית און געענדיגט!" - ס'וועט דיר גארנישט העלפן! אין שאול תחתית וועסטו אויך דארפן רעדן צום אויבערשטן, ס'וועט גארנישט העלפן..

במילא זאלסטו וויסן איין זאך: **מ'גייט נישט אוועק פון אויבערשטן** - נאר פון אלע פלעצער, פון אלע פלעצער, רייסט מען זיך (צוריק) צום אויבערשטן - -

## ווי בויעט מען א קשר?

דאס איז א לימוד; א גרויסער לימוד וואס דער רבי לערנט אונז - דער רבי לערנט אונז א גרויסער לימוד "וויסן פון דעם אויבערשטן!"

יעדער איינער דארף וויסן, "**מקטן ועד גדול**" - יעדער איינער דארף וויסן פון אויבערשטן, און יעדער איינער דארף זיך אויך "**מרגיל זיין**[לז]" אויף דעם, מרגיל זיין רעדן צום אויבערשטן.

פארוואס זאג איך 'מרגיל זיין'? - ווייל די זאך פון זיך 'מרגיל זיין', איז אזוי ווי יעצט וואס אלע בחורים דא, זענען נאך נייע בחורים אין די ישיבות, מ'איז אריינגעגאנגען אין א נייע ישיבה.

מ'קומט אין די נייע ישיבה גדולה, מ'טרעפט זיך מיט פיל בחורים וואס ער קען זיי נישט אזוי - ווי ווערט מען נאנט איינער מיטן אנדערן, מ'דארף האבן עפעס א גאנצע תורה אויף דעם?! - נישטא קיין תורה אויף דעם, מ'הייבט זיך אָן; מ'רעדט דא א וואָרט, און דא נאך א ווארט און נאך א ווארט, מ'איז זיך מרגיל איינער מיטן אנדערן.

**לז.** ראה ליקו"מ תורה כ"ה תנינא: וְיִזָּהֵר מְאֹד **לְהַרְגִּיל עַצְמוֹ** לְהַתְמִיד בָּזֶה מִדֵּי יוֹם בְּיוֹם שָׁעָה מְיֻחֶדֶת כַּנַּ"ל. ובהשתפכות הנפש אות ז': **וּצְרִיכִין לְהַרְגִּיל עַצְמוֹ** שֶׁיְּדַבֵּר עִם הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ כְּמוֹ שֶׁמְּדַבֵּר עִם רַבּוֹ וְעִם חֲבֵרוֹ כִּי מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נִמְצָא בְּכָל מָקוֹם.

מ'הייבט אן רעדן - און מ'קען זיך שוין, און מ'פארשטייט זיך שוין, ס'ווערט א ליכטיגקייט. פלוצלונג ווייסטו שוין ווער יענער איז, און יענער ווייסט שוין ווער דו ביזסט. דיר איז אינטערעסאנט פון אים, און יענעם איז אינטערעסאנט פון דיר. אמאל האט ער דיר בכלל נישט געוואלט אנקוקן - אבער אז מ'איז זיך מרגיל בדיבור, הייבט אן ווערן; ס'ווערט א לעבעדיגער קשר!

אזוי אויכעט דארף מען זיך 'מרגיל זיין' מיטן אויבערשטן - א מענטש פילט אז דער אויבערשטער איז פרעמד פון אים; אוודאי, האסט קיינמאל נישט גערעדט מיט אים, דו אנטלויפסט פון אים.. איז אוודאי איז נישטא קיין קשר. אבער אז דו ווייסט אז ס'איז נישטא קיין אנטלויפן, דו זיצסט מיט אים אויף איין באנק; איך דארף רעדן מיט אים!

מ'דארף אנהויבן רעדן מיטן אויבערשטן, יעדער זאך דארף מען רעדן מיטן אויבערשטן. רעדן מיטן אויבערשטן, בעטן דעם אויבערשטן, דאנקען דעם אויבערשטן, לויבן דעם אויבערשטן, רעדן אסאך מיטן אויבערשטן. דער אויבישטער זאל זיין פאר מיר אזוי ווי א חבר.

די גמרא דערציילט[לח]: אז איינער א גוי איז געקומען צו **"הלל הזקן"** - ער האט אים געזאגט אז ער וויל ער זאל אים אויסלערנען די גאנצע תורה 'על רגל אחת', על רגל אחת וויל ער קענען די גאנצע תורה..

---

**לח.** שבת דף לא. מעשה בנכרי אחד שבא לפני שמאי א"ל גיירני ע"מ שתלמדני כל התורה כולה כשאני עומד על רגל אחת, דחפו באמת הבנין שבידו. בא לפני הלל, גיירי' - אמר לו דעלך סני לחברך לא תעביד זו היא כל התורה כולה, ואידך פירושה הוא, זיל גמור. וכתב רש"י: **דעלך סני לחברך לא תעביד**. ריעך וריע אביך אל תעזוב זה הקב"ה - אל תעבור על דבריו שהרי עליך שנאוי שיעבור חבירך על דבריך. [ל"א חבירך ממש כגון גזלה גנבה ניאוף ורוב המצות.] **ואידך.** שאר דברי תורה, **פירושה.** דהא מילתא הוא, לדעת איזה דבר שנאוי, **זיל גמור** ותדע.

האט אים הלל געזאגט: איך וועל דיר זאגן איין זאך "**מה דעלך סני לחברך לא תעביד**" - וואס פאר דיר איז נישט באקוועם, זאלסטו נישט מאכן פאר א צווייטן. "**ואידך פירושא הוא**" - די גאנצע תורה איז נאר א פירוש אויף דעם, די גאנצע תורה איז נאר א פירוש אויף דעם כלל. ס'איז דא א כלל פון "**ואהבת לרעך כמוך**"; זאלסט נישט מאכן שלעכטס פאר דיין חבר.

וואס א שייכות האט עס, פארוואס איז דאס א כלל פון די גאנצע תורה?! - זאגט רש"י: אז דער אויבערשטער איז אויך דיין חבר, דער אויבערשטער איז "**רֵעֲךָ וְרֵעַ אָבִיךָ**", דער אויבערשטער איז דיין חבר. דאס איז דער כלל פון "ואהבת לרעך כמוך" - אז דו זאלסט זיך פירן צום אויבערשטן אזוי ווי צו א חבר - פאר א חבר מאכט מען נישט קיין שלעכט'ס, פארן אויבערשטן מאכט מען אויכעט נישט קיין שלעכטס.

אזוי שטייט - די זאך אז דער אויבערשטער ווערט אנגערופען א "חבר" - שטייט אין אסאך פסוקים: "**זֶה דוֹדִי וְזֶה רֵעִי**[לט]", "**לְמַעַן אַחַי וְרֵעָי**[מ]", "**רֵעֲךָ וְרֵעַ אָבִיךָ אַל תַּעֲזֹב**[מא]" - אין נאך פלעצער שטייט אזוי[מב].

---

**לט.** שיר השירים ה, טז.

**מ.** תהילים קכ"ב, ח. וכתב רש"י: למען **ישראל אחי ורעי**. ובמדרש תנחומא (יתרו ה): רֵעֲךָ וְרֵעַ אָבִיךָ אַל תַּעֲזֹב וגו' - **'רֵעֲךָ' זֶה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא** שֶׁקָּרָא לְיִשְׂרָאֵל אַחִים וְרֵעִים שֶׁנֶּאֱמַר "לְמַעַן אַחַי וְרֵעָי".

**מא.** משלי כז, י וכתב רש"י: "רעך ורע אביך" - **הקב"ה שנקרא רע לישראל**, ורע אביך שחיבב את אבותיך. "אל תעזוב" - אם עזבת יבא עליך פורענות. ובמדרש רבה (שמות כז, א): "רֵעֲךָ וְרֵעַ אָבִיךָ אַל תַּעֲזֹב" - **רֵעֲךָ זֶה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא**, כְּמָה דְאַתְּ אָמַר "לְמַעַן אַחַי וְרֵעָי".

**מב.** ראה במשלי (פרק ו' ג -א): בְּנִי אִם עָרַבְתָּ לְרֵעֶךָ וגו' כִּי בָאתָ בְכַף רֵעֶךָ וגו' וכתב רש"י: לרעך - אחר שנעשית ערב **להקב"ה שהוא רעך** כדכתיב זה דודי וזה רעי וכו'. ובזוהר (שמות נ"ה:): "בְּכָל עֵת אֹהֵב הָרֵעַ וְאָח לְצָרָה יִוָּלֵד" (משלי יז) - 'בְּכָל עֵת אֹהֵב הָרֵעַ', **זֶה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא**, שֶׁכָּתוּב בּוֹ "רֵעֲךָ וְרֵעַ אָבִיךָ אַל תַּעֲזֹב". 'וְאָח לְצָרָה יִוָּלֵד' - בְּשָׁעָה שֶׁיָּצִיקוּ לְךָ שׂוֹנְאֶיךָ, מָה אוֹמֵר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא? "לְמַעַן אַחַי וְרֵעָי אֲדַבְּרָה נָּא שָׁלוֹם בָּךְ", שֶׁיִּשְׂרָאֵל נִקְרָאִים אַחִים וְרֵעִים לַקָּבָּ"ה וכו' וּבְשָׁעָה שֶׁנּוֹלֶדֶת צָרָה בָּעוֹלָם יִהְיֶה אָח כְּנֶגְדְּךָ לְהַצִּיל אוֹתְךָ מִכָּל אוֹתָם שֶׁמְּצִיקִים לְךָ (מתורגם ללשוה"ק).

א מענטש דארף זיך 'מרגיל זיין' זיך חבר'ן מיט דער אויבערשטער. דער אויבערשטער זאגט כביכול: "וואס איז דאס? וואס איז דא עפעס א אום מענטשליכקייט, מיט אלעמען ווילסטו זיך חבר'ן, נאר מיט מיר ווילסטו זיך נישט חבר'ן?! - יא, א בחור ווערט באליידיגט אז מ'רוקט אים אין זייט, מ'וויל זיך נישט חבר'ן מיט אים. אלע חבר'ן זיך צוזאמען און איינער רוקט מען עפעס אין זייט, מ'רעדט נישט מיט אים.. דער רבש"ע זאגט: פארוואס וויל מען נישט רעדן? פארוואס וויל מען מיט מיר נישט רעדן[מג]?! - הייבט אָן רעדן מיט מיר!

די זאך ווערט נקנה בדיבורים, באמירה; מ'רעדט. מ'רעדט מיטן אויבערשטן. ס'איז א ענין פון א הרגל אבער ס'ליגט אין דעם א שכל גדול, ווייל ווען מ'הייבט אָן רעדן זעהט מען באמת דער רבש"ע!

דאס הייסט 'השגות אלוקות': מ'הייבט אן רעדן מיטן אייבערטשן, זעהט מען דעם אויבערשטן, פארשטייט מען דעם אויבערשטן; ס'ווערט דערנענטערט צום מוח. די גאנצע תורה ווערט אנדערש, לעבעדיג. די גאנצע תפילה, די גאנצע עבודת ה' - אלעס הייבט אן ווערן א לעבעדיגע זאך - -

## מען באקומט 'שמחת חיים'

די גאנצע אידישקייט ווערט מער א לעבעדיגע זאך! - מ'ווערט א אמת'ער מענטש, א תמימות'דיגער מענטש, מ'דערווייטערט זיך פון ליצנות, מ'קען נישט פארנעמען קיין ליצנות. וואס מאכסטו ליצנות?! - ליצנות קומט

---

[ועד"ז פירשו עוד פסוקים רבים בתורה שנאמר בהם "רעך", על הקב"ה. ראה זוהר חדש רות (ד, יז) על הפסוק "אם חבלת שמלת רעך", שמרמז על הנשמה שהיא לבושו של הקב"ה וכו'. אור החיים במדבר (י"ט, יג) על הפסוק לא תעשוק את רעך, שמרמז על ענין אכילה בלא ברכה שגוזל מהקב"ה וכו'. ובשער הפסוקים להאריז"ל - יתרו, י"ט. קדושים, י"ט. וכהנה רבות ואכמ"ל]

**מג.** ראה בליקו"ה ר"ח ה' כ"ו, כ"ז.

אלעמאל פון מרה שחורה, ווען א מענטש איז גאר שטארק פריילאך קען ער נישט מאכן קיין ליצנות.

למשל, ווען ס'איז דא עפעס א 'לחץ', ס'איז דא עפעס א בחינה, אדער ווען די ישיבה האט עפעס געמאכט אפאר 'גזירות'.. - דער עולם זוכט זיך צו אנפייפן, הייבט מען אן מאכן וויצן. אזוי גייט עס, ווען ס'איז דא עפעס א זאך וואס דריקט אויפן מצב, ס'מאכט נישט גוט - הייבט מען זיך אן מאכן ווערטלאך.

ווען א מענטש; ס'איז אים גוט, ער איז פריילאך - מאכט ער נישט קיין ווערטלאך. למשל, כ'האב קיינמאל נישט געזען אז א חתן ביי די טאג פון די חתונה, אין די גרעסטע שמחה; וועט ער זיצן און מאכן ליצנות.. מאך נישט קיין ליצנות! וואס? טוה מיר א טובה, אין אזא טאג מאכסטו ליצנות?! דאס איז דער גליק פון מיין לעבן, וואס עפעס מאכן ליצנות.. ער פריידט זיך, ער נעמט אויף, ער ווינטשט יעדן איינעם און ער פריידט זיך אז מ'ווינטשט אים, און ער איז אזוי פריילאך. וואספארא ליצנות?! ווי קומט דא אריין ליצנות?! - ליצנות קומט פון מרה שחורה!

די זעלבע זאך אז מ'זעט א מענטש מאכט ווערטלאך[מד], ער לעבט פון מאכן ליצנות; א סימן אז ער פריידט זיך נישט מיטן אויבערשטן, ס'פעלט אים א שמחה, ס'פעלט אים שמחת חיים. איינער וואס ער פריידט זיך מיטן אויבערשטן, ער פילט זיך פריילאך מיטן אויבערשטן; ער פילט: אה ס'איז געשמאק! "**אַשְׁרֵי הָעָם שֶׁכָּכָה לּוֹ אַשְׁרֵי הָעָם שֶׁה' אֱלֹקָיו**", כ'האב אזא גאט! אה כ'האב אזא גאט! ער מאכט מיר גוט, ער האט מיר ליב, ער איז מיר

---

**מד.** ראה בטעם זקנים (קונטרס כ"ח עמ' 46) מה שסיפר רלוי"צ על רבי אברהם בר"ן: רבי אברהם איז געווען א מענטש - אזא דומיט'דיגער מענטש, **מיט יעדעם איינעם אין גוט'ן, מיט א שמייכל**; מיט א 'פראסטן' מענטש און מיט א חשוב'ען..) השואל; ער האט קיינמאל נישט געמאכט קיין ווערטל?) דאס האט ער נישט געהאט, ער איז נישט שייך געווען צו קיין ווערטלעך! **נישט קיין ווערטלעך, נישט קיין ליצנות, נישט קיין געלעכטער**..

מקרב, ער האט עצות פאר מיר, ער שיקט מיר א רבי'ן; א רבי זאל מיר מדריך זיין, זאל מיר מקרב זיין צו אים..

ער איז פריילאך, ער פילט זיך נישט עפעס קיין צופייפטער, קיין צופאטשטער - ער קען נישט, ער האט נישט קיין געשמאק צו סתם לאכן, ער האט נישט קיין געשמאק אין דעם; ס'איז אים גוט, ס'איז אים פיין, ס'איז באקוועם.

עכ"פ זעט מען איין זאך, אז וואס מער מ'ווייסט מער פון דעם אויבערשטן, בפשיטות, בתמימות.. - ווערט דער גאנצער 'הָלוֹךְ יֵלֵךְ' עפעס א ערנסטער סארט. נישט א אנגעצויגענער, פארקערט; א ערנסטער מיט א געשמאק!

נישט מ'זוכט צו טשעפען מענטשן, 'וואס דארף איך מצער זיין מענטשן?!' - פארקערט, מיט א חיות; צו מחיה זיין מענטשן, מאיר פנים זיין פאר מענטשן, מאכן פאר מענטשן גוט אין הארצן.

אלעס איז מיט א חיות - אפילוביים לערנען; איינער וואס דער אויבערשטער איז דער חיות אין (זיין) לערנען, פריידט זיך מיט יעדן שטיקל גמרא וואס ער לערנט! ער פילט: אה, איך האב געלערנט נאך עפעס פון אייבערשטנ'ס תורה, כ'האב זיך מער דערנענטערט צום אויבערשטן און זיין תורה!

יעדן שטיקל גמרא - א מענטש לערנט א שטיקל גמרא, א שטיקאלע גמרא, א שורה-צוויי, יעדער שטיקל פון די גמרא איז דעת פון דעם אויבערשטן, דער אויבערשטער זאגט עס. דער אויבערשטער זאגט יעדער שורה פון גמרא! דער אויבערשטער זאגט עס, איך ווייס נאך עפעס פון דעם אויבערשטן, איך ווייס נאך עפעס; איך בין געווארן נענטער צום אויבערשטן! - האט ער א חיות פון דעם.

אז ער לערנט מיט א חיות - אז מיטן לערנען ווערט ער דערנענטערט צום אויבערשטן - איז אויף אזא אופן, זוכט ער נישט אז די חיות זיינער פון

לערנען זאל זיין 'אה, מיין חבר ווייסט אז איך האב א גוטע קאפ, איך האב א גוטן 'פיסק' איך קען טשעפען א חבר..' - ער האט נישט אזא סארט חיות אין לערנען, דער חיות זיינער איז א אנדער חיות; א אמת'ער חיות!

## גייט אריין אין 'רבינ'ס ישיבה'!

עכ"פ, דער לימוד פון וויסן אז דער אויבערשטער איז מיט אונז און אז די גאנצע אידישקייט איז אלעס חלקים פון התקרבות צום אויבערשטן - דאס ווערט אלעס בעיקר דורך רעדן צום אויבערשטן, זיין נאנט מיטן אויבערשטן.

מיט יעדער זאך; מ'מאכט א ברכה, ווערט מען נענטער צום אויבערשטן, מיט יעדע מצוה וואס מ'טוט ווערט מען דערנענטערט צום אויבערשטן, יעדער זאך איז א התקרבות צום אויבערשטן. אז מ'האט דעם לימוד איז דער גאנצער לעבן ווערט א אנדער סארט לעבן!

דאס איז פון אויבן אויף פאר מען וויל אריין גיין אין "**רבינ'ס ישיבה**" - דאס איז דער לימוד וואס דער רבי לערנט אונז אויס אין זיין ישיבה.

דער רבי לערנט אונז אויס ווי אזוי צו אריינגיין, אריינגיין; אריינגיין מער אין התקרבות צום אויבערשטן און לעבן מיטן אויבערשטן!

וויסן: די שמחה, די שמחה! דער פארגעניגן וואס ס'איז דא פון לעבן מיטן אויבערשטן! לעבן מיטן אויבערשטן, וועלן זיין נאנט צום אויבערשטן. די גאנצע וועלט ווערט א אנדער סארט וועלט, א אנדער לעבן ווערט, אלעס ווערט אנדערש - -

שוין, איז דאס א גרויסער לימוד - מ'דארף אריינגיין אין דעם לימוד. און ווי מ'האט געזאגט פריער, אז דער א-ב פון רבינ'ס עצות איז "**התבודדות**". [איך גיי נאך נישט איצטער אריין אין די נושא פון די "**קביעות**", מ'וועט בעזר ה' דארפן רעדן אויך פון דעם]

אבער עכ"פ יעדער איינער דארף זעהן **ס'זאל נישט אריבערגיין א טאג אָן רעדן צום אויבערשטן!** מ'דארף זיך מרגיל זיין יעדן טאג, מ'זאל רעדן צום אויבערשטן. יעדער איינער, רעדן אביסל צום אויבערשטן.

מ'האט שוין אסאך מאל געהערט פון דעם, פון אסאך וואס האבן גערעדט וועגן דעם נושא פון התבודדות, וויפל מ'האט זיך אביסל געשלעפט אין דעם, אבער ס'קומט א צייט וואס מ'דארף אנהייבן למעשה, אנהייבן רעדן צום אויבערשטן! אריינגיין מיט א ערנסטקייט אין דעם, א שטארקע ערנסטקייט! וואס מער מ'ווערט אין דעם ערנסטער אז **מ'דארף רעדן צום אויבערשטן**.

א'וודאי, מיט א קביעות. נאר איך רעד נאך פאר די קביעות - זאל מען זיך מרגיל זיין, מ'דארף רעדן צום אויבערשטן, יעדן טאג דארף מען רעדן צום אויבערשטן! יעדער זאך; ס'קוועטשט דיר עפעס, רעד צום אויבערשטן! ווערסט נתעורר עפעס; איז וואס טוט מען למעשה, רעד צום אויבערשטן! יעדער זאך - וואס איז די כלים וואס מיט דעם לעבט מען; רעדן צום אויבערשטן!

דאס איז דער א-ב פון די זאך, און אזוי גייט מען (אין די עצה פון התבודדות) ווייטער און ווייטער, און שטארקער, און טיפער, און מערער!

זאל דער אויבערשטער אונז העלפן, מיר זאלן זוכה זיין צו זיך מחזק זיין, זיך באנייען, און בעזרת ה' מיר וועלן ממשיך זיין בסיעתא דשמיא.

חזקו ואמצו!

בס"ד

מִי שֶׁתּוֹרָתוֹ בְּלֹא הֲבָנָה בָּהּ שׁוּם חִדּוּשׁ, אַף עַל פִּי שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִתְעַנֵּג בָּהּ גַּם כֵּן, אַף עַל פִּי כֵן אֵין לִדְרֹשׁ אוֹתָהּ לָרַבִּים

**אֲבָל מִי שֶׁחֲנָנוֹ ה' לְהָבִין וּלְחַדֵּשׁ אֵיזֶה דָּבָר כָּל אֶחָד לְפִי בְּחִינָתוֹ, הַיֹּשֶׁר מְחַיֵּב, שֶׁיְּגַלֶּה וְיַכְנִיס זֹאת הַהֲבָנָה לְעַם סְגֻלָּה, וְיֵיטִיב מִטּוּבוֹ לַאֲחֵרִים**

(ליק"ע)

# מגלים ומכניסים זאת ההבנה לעם סגולה !

## יש לנו עכשיו את ההזדמנות ואת הזכות להוציא לאור

**דיבורי ראש חבורתנו הבלתי נשכח**

# ר' חיים בנימין וורטהיימר ז"ל

## שדיבוריו היה לחדש ולהחיות את דברי רביה"ק לקיימם בתמימות ופשיטות

# חבר יקר !

## קח שותפות קבוע בעסק קדוש זה

**אִיהר זָאלְט זַיין שְׁטַארְק מִיט גֶעלְט**
**און מִיט רָצוֹן און מִיט טִרְחָא**

**לתרומות**

ירושלים:
**הר"ר יהודה שטרנפלד הי"ו**
05331.93747

בית שמש:
**הר"ר דוב בער רובינפלד הי"ו**
05341.52325